# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:14
מוצאי שב"ק.....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......דברי הימים-א' כ"ד-כ"ה
בבלי.......................זבחים ע"ח
ירושלמי..........עבודה זרה ל"ו
תוספתא.......בבא קמא פרק ב'
רמב"ם.........איסורי ביאה כ"א


פרשת בלק, י"ז תמוז, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ו' — שנה 7, גליון 40 (351)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.**

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵּאוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): **אַז אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵויטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְס.

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער נָאר דִי שְׁלֶעכְטְס בַּיי זִיךְ ווֶערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלֶץ לִיבּ אוּן עֶר אִיז מִיט אִים. דֶעמָאלְט וֶועט עֶר ווִיסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵּאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח)

***

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.) **כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם**, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנּוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט קִילְט עֶס אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, **וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ**, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמ"ח וֶוערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע תַּאֲווֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק י)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידּוּכִים

חֲזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן י"ח:) אַז אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים, אוּן אִין כְּתוּבִים, זֶעעֶן מִיר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידּוּכִים. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר". אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא". אוּן אִין כְּתוּבִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גוּטֶער שִׁידּוּךְ פַאר יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל הָאבְּן זֵייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע אָנְגֶעגְרֵייטֶע שִׁידּוּךְ פוּן הִימְל, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעעֶן מִיר אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן פִילֶע בָּחוּרִים אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע, בְּלַייבּ נִישְׁט לִיגְן דָארְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פִּיס אַרַיין אַ פִּיס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פוּס"; אַ פִּיס אַרַיין אַ פִּיס אַרוֹיס, אַ פִּיס אַרַיין אַ פִּיס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

מִיר גֶעפִינֶען (חוּלִּין נא:; שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן נח) וֶוען אַ בְּהֵמָה פַאלְט אַרָאפּ דַארְף מֶען חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז דָאס אִיז אַ טְרֵיפָה אוּן אוֹיבּ מֶען שֶׁחְט דָאס גְלַייךְ נָאכְן אַרָאפְּפַאלְן טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן דִי פְלֵיישׁ וַוייל אֶפְשָׁר אִיז דָאס טְרֵיפָה, אוֹיבּ אָבֶּער דִי בְּהֵמָה הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶס גֵייט - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ נְפִילָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער, "נָפְלָה" - אַז מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, "וְעָמְדָה" - אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה. אַזוֹי אוֹיךְ "נָפְלָה וְהָלְכָה", אוֹיבּ מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵייטְן, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אִיז אוֹיךְ אַ סִימָן אִיז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין טְרֵיפָה.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: "מִיר זָאלְן וַוייטֶער אָנְגֵיין אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אוּנְז אַרָאפּ"; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוּיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן**".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בָּלָק תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעוָוארְפְן מַיין סְמַארְט פָאוּן, מַיין וַוייבּ וִויל עֶס אָבֶער נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעטְרָאפְן, אוּן אִיר דֶערְנֶענְטֶערְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט צֶען מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן אִין רַמְבַּ"ם.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מִיט חוֹבוֹת, כָאטְשׁ אִיךְ פַארְדִין שֵׁיין פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף מֶער מִתְפַּלֵל זַיין.

אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוּן, אִיךְ הָאבּ עֶס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן ב"ה, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז מַיין וַוייבּ וִויל עֶס נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דַארְף אִיךְ אִיר הֵייסְן אַז זִי זָאל דָאס אוֹיךְ שׁוֹין טוּן? אָדֶער זָאל אִיךְ וַוארְטְן בִּיז וֶוען זִי וֶועט אַלֵיין אָפְּמַאכְן אַז זִי דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְּן?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח,
ב' תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען זָאל זִי אַוֶועק וַוארְפְן אִיר סְמַארְט פָאוּן? פּוּנְקְטְלִיךְ דִי מִינוּט וֶוען דוּ הָאסְט אָפְּגֶעמַאכְט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דַיין סְמַארְט פָאוּן?!

וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? וִויפִיל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּ דִיר בִּיז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וֶוען דֶער טַאטֶע זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיטְן סְמַארְט פָאוּן? אוּן יֶעצְט ווילְסְטוּ אַז זִי זָאל דָאס גְלַייךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין?! וִויפִיל מָאל הָאסְטוּ גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען כּוֹחוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה צוּ הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אַוֶועק צוּ לֵייגְן דַיין סְמַארְט פָאוּן? וָואס ווילְסְטוּ, אַז זִי זָאל עֶס אִין אֵיין מִינוּט פַארְשְׁטֵיין?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע גֵייסְט

<<<<<<

>>>>>>

מֵיידְלֶעךְ וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אוּן קֶענֶען נִישְׁט טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז דִי מֶענְטְשְׁן אַלֵיין זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶער בָּחוּר אוּן דִי מֵיידְל וַוארְטְן נָאר צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שִׁידוּךְ, עֶפֶּעס אַזוֹינְס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אֵיינֶעם מִיט אַלֶע סָארְט מַעֲלוֹת וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועלְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וַוארְט אוּן מֶען וַוארְט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן לוֹיפְן דוּרְךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ.

דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז נָאר אֱמוּנָה. אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי, אָבֶער גָאר סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי שִׁידוּכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זָארְגְט זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. נָאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן דֶעם שִׁידוּךְ, זָאגְט מֶען עֶס אָפּ מִיט נַארִישֶׁע תֵּירוּצִים, וַוייל עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְגֶערוּפֶענֶעם כָּבוֹד, גֶעלְט, אָדֶער יִחוּס, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וַוארְפְט מֶען אַוֶועק דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אַז זַיין שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אַזוֹי לַאנְג וָואס דֶער וֶועמֶען מֶען טְרָאגְט אָן אִיז גֶעזוּנְט אוּן נָארְמַאל. וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט בַּאשֶׁערְט וֶועט עֶס סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים זִיכֶער אוּנְטֶער נָאר זַיין רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע.

דֶער גַאנְצֶער זַאךְ פוּן שִׁידוּכִים אִיז פוּל מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פוּן גִלְגוּלִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף אָבֶער גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זִיכֶער וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ טָאר מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּזָאגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט תֵּירוּצִים. קוֹדֶם זָאגְט מֶען "יָא", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין פִירְן אַז אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע זָאל עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. וִוידֶער אוֹיבּ זָאגְט מֶען "נֵיין", אוּן עֶס אִיז טַאקֶע יָא דִי רִיכְטִיגֶע, וֶועט מֶען מוּזְן דוּרְכְגֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער שִׁידוּךְ סֵיי וִוי אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַזוֹי.

חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) "נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא" - גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אַ פְּרוֹי. דָאס מֵיינְט אַז וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, אִיז עֶר נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן אַז דֶער שִׁידוּךְ פַּאסְט אִים נִישְׁט, אוּן יֶענֶער שִׁידוּךְ טוֹיג נִישְׁט, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ. דֶערִיבֶּער לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶער חֲכָמִים אַז אֵיידֶער מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דַאן וֶוען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס? דָאס קוּמְט נָאר פוּן אֱמוּנָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן הַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיסְפִירְן, נָאר מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּן אִים. אוּן וֶוען מֶען הֶערְט פוּן אַ שִׁידוּךְ וֶועט מֶען זִיךְ נָאר פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וָואס אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין מִיט אִים, אוּן מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּכִים.

אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן אִיז צוּבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַזוֹיפִיל יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ. עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג שִׁידוּכִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ - מִיט זַיין נַארִישֶׁע גַאֲוָה - וַוארְפְט אַלֶעס אַוֶועק מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת אַחֲרֵי) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן נָדָב אוּן אֲבִיהוּא אַז זֵיי הָאבְּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "אוּנְזֶער פֶּעטֶער אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, אוּנְזֶער טַאטֶע אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, אוּנְזֶער מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער אִיז אַ נָשִׂיא, אוּן מִיר אַלֵיין זֶענֶען סְגָנֵי כְּהוּנָה, נוּ וֶועלְכֶע פְרוֹי פַּאסְט דֶען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אוּנְז אוֹיבּ מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס?"

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה ס"ח) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוּן מַאכְט לֵייטֶערְס, דֶעם הוֹיבְּט עֶר אוֹיף אוּן דֶעם נִידֶערְט עֶר אַרָאפּ, בִּיז זֵיי בֵּיידֶע מוּזְן מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ. מֶענְטְשְׁן מוּזְן נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע צָרוֹת בִּיז זֵיי בְּרֶעכְן זִיךְ אוּן זֶענֶען מַסְכִּים צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז אַ שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט, אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט קַיין שִׁידוּכִים אַזוֹי לַייכְט, דַאן וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן גָאר אַסַאךְ צָרוֹת.

וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר אוֹיךְ

<<<<<<

>>>>>>

נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּךְ צוּלִיבּ גֶעלְט, אָדֶער וַוייל מֶען וִויל וואַרְטְן דַוְקָא אוֹיף אַ שִׁידוּךְ וָואס זָאגְט צוּ אַ גְרוֹיסְן נַדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס דַארְף אַ אִיד מְקַיֵּים זַיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָפְּגֶעזֶען צִי עֶס אִיז יָא דָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה צוּ קֶענֶען לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַדְרַבָּה נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט מֶען עֶרְשְׁט הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה אִין זְכוּת פוּן דִי פְרוֹי.

נָאךְ אַ נַארִישֶׁע תֵּירוּץ נוּצְן גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן אָפְּצוּזָאגְן שִׁידוּכִים, דָאס אִיז צוּלִיבּ דִי אָפְּשְׁטַאם אָדֶער קְרֵייז פוּן דִי בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל. מֶען וִויל נִישְׁט נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ פַאמִילְיֶע וָואס קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז, פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת, אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם. דָאס אִיז נָאךְ אַן עֵצָה פוּנֶעם ס"מ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן קוּמֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, אוּן דָארְט זֶענֶען אַלֶע אִידְן אֵיינִיג, דָארְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וואוּ מֶען קוּמְט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ מִיט דֶעם נַארִישְׁן אוֹיסְרֵייד.

דֶער שִׁידוּךְ פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אוֹיס "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי". דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שִׁידוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט צוּלִיבּ זַיין נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן גַאֲוָה. אֵיידֶער מֶען וִויל אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ אַ חִסָּרוֹן וָואס מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן, זָאל מֶען זִיךְ קוֹדֶם גוּט אַרֵיינְקוּקְן אִין שְׁפִּיגְל צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען אִיז אַלֵיין יָא אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט אָן קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט חֶסְרוֹנוֹת, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען נִישְׁט, אוּן יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען יָא.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶס וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

## אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ גָאר אַסַאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שִׁידוּכִים, צוּ זֶען אַז עֶס זָאל וֶוערְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, שׁוֹין אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָארְן, וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אוּן עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס גוּטֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס אָפְּצוּזָאגְן דִי שִׁידוּכִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ קוּם דָאךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן טוּרֵי זָהָב, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר צוּ טוּן אַ פָּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ"... הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גְרַאדֶע אִיז דִי מֵיידְל אוֹיךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן מָגֵן אַבְרָהָם"... וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ט"ו) "וְאָנֹכִי מָגֵן לָךְ"...

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט: "דָאס וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּתָּן בַּיי דֶעם שִׁידוּךְ". וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ צוּלִיבּ זַיינֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מְיוּחָס'דִיגֶע פַאמִילְיֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט דַוְקָא גָאר אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע מְיוּחָס'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, אָבֶּער קוּרְצְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער חָתָן אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בַּיים דַעַת, אוּן דִי נֵייעֶ פָּאר-פָאלְק הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶעמוּזְט גֶט'ן.

דֶער גֶט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גָאר אַסַאךְ צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסִירְט לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער וֶוען אֵיינֶער וִויל נָאר בַּאגְרָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן נָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער פוּן אַ וַוייטֶע לַאנְד, אוּן פוּן גָאר אַ פָּשׁוּטֶע פַאמִילְיֶע, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז בִּכְלַל מַסְכִּים צוּ זִיךְ צוּ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, אוּן אַזוֹי קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, דָאס לֶעבְּן הָאט מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין סַאךְ שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט סֵיי וִוי מוּזְן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל".

>>>>>>

אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶען זָאל וִויסְן וִוי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן שְׁפִּילְן זִיךְ מִיטְן סֶעלְפָאוּן; עֶס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעס פִינְטֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי קִינְדֶער. אַז מֶען דַארְף דָאס פַאר דִי אַרְבֶּעט אִיז אֵיין צָרָה, אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ אִיז מֶען נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט דָאס אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן. דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְן דַארְפְן צָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרֵייז שְׁפֶּעטֶער, וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ כַאפְּן וואוּ דִי קִינְדֶער הַאלְטְן וְכוּ' וֶועט שׁוֹין זַיין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וִוי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז אַז אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע הָאט אַ סְמַארְט פָאוּן; דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, עֶס נֶעמְט אִיר אַוֶועק פוּן אִירֶע קִינְדֶער, עֶס נֶעמְט אִיר אַוֶועק פוּן טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ שְׁטוּבּ אָן אַ מַאמֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ מַאמֶע וָואס הֶערְט נִישְׁט, זֶעט נִישְׁט אוּן שְׁמֶעקְט נִישְׁט נָאר אֵיין זַאךְ – אִיר סֶעל; קִינְדֶער דַארְפְן אַ מַאמֶע וָואס וֶוען זֵיי רֶעדְן צוּ אִיר אִיז אִיר קָאפּ מִיט זֵיי, נִישְׁט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, אוּן הֶערְט זֵיי אוֹיס בְּלוֹיז מִיט אַ פֶערְטְל אוֹיעֶר. דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל וִוי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד, מֶען דַארְף זֵיי פָּשׁוּט נָאר פַאר דִי פָּאר מִינוּט וָואס מֶען דַארְף כַאפְּן בִּילְדֶער פוּן זֵיי צוּ שִׁיקְן וַוייטֶער אוֹיף סָאשֶׁעל מִידִיעֶ; אַזַא שְׁטוּבּ וֶוערְט חָרוּב רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דוּ קֶענְסְט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו אוּן זָאג אִיר אַז פַאר דִיר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָאס אַוֶועק צוּ לֵייגְן וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּן נָאר וַוייל דוּ וִוילְסְט אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקָּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָּר עַשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.**

BreslevCenter.com\answers

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ זִוּוּגִים)

# ס׳אִיז גְרוֹיסֶע צָרוֹת

וֶוען אַ מֶענְטְש זֶעט אַז עֶר לַיידְט צָרוֹת, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיז דֶּער בֶּעסְטֶע עֵצָה אַז עֶר זָאל דָאס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, ווִי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶת׳ער נָאנְטֶער חַבֵר אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָשׁ אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער אִיז גָאר אַ נָאנְטֶער חַבֵר. פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אָבֶּער יָא אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף.

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן: ״פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ? מִיר הָאבְּן דָאךְ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע דְרֵיי תְּפִלוֹת, שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וָואס מִיר דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶען דָאס נִישְׁט גֶענוּג?״

זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל, אַזוֹי ווִי מֶען פְלֶעגְט אַמָאל פָארְן מִיט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן דוּרְךְ אַ וַואלְד, אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיפְּט וֶועג וואו יֶעדֶער פְלֶעגְט דָארְט פָארְן, אָבֶּער דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן, וַוייל עֶס פְלֶעגְן זַיין רוֹיבֶּערְס אוּן גַזְלָנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, זֵיי פְלֶעגְן וַוארְטְן אוֹיף אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט וֶוען עֶס וֶועט דוּרְכְפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּארוֹיבְּט אָן רַחֲמָנוּת. אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען קְלוּגֶע בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם וֶועג אִין וַואלְד, אַנְשְׁטָאט צוּ פָארְן אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶע אוּמְוֶועג צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן דָארְט זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין רוֹיבֶּערְס, וַוייל זֵיי וֵויסְן דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ זָאגְן פוּן דֶעם נֵייעֶם וֶועג, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט דוּרְכְפָארְן דֶעם וַואלְד רוּאִיגֶערְהֵייט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צ״ו) אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט׳ן דַאוֶונֶען. יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג דִי בַּאשְׁטִימְטֶע דְרֵיי תְּפִלוֹת, מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דִי תְּפִלוֹת בְּשָׁלוֹם, אַז מֶען זָאל טַאקֶע אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט אוּן אוֹיסְנוּצְן דָאס דַאוֶונֶען זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְשְׁטָאט דֶעם קוּמֶען דִי רוֹיבֶּערְס, דִי קְלִפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי בַּאפַאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוֶונֶען, זֵיי מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְחָלוֹמְ׳ן אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר נִישְׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אַזוֹי פְלִיט דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע דַאוֶונֶען אָן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אֲפִילוּ וָואס עֶר הָאט דָא גֶעזָאגְט.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער קְלוּג, מַאכְט עֶר זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג. אוֹיסֶער דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת טְרֶעפְט עֶר זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הַארְץ אַרוֹיס אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דָארְט מוּז עֶר דָאךְ שׁוֹין אִינְזִין הָאבְּן וַוייל דָאס זֶענֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן ווִי מֶער מֶען טוּט דָאס, ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלְץ וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבִּיסְלֶעךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, דָאס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶס, עֶר בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע מֹחַ, אוּן נָאכְדֶעם קֶען עֶר שׁוֹין אִינְזִין הָאבְּן אוֹיךְ בַּיי דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע תְּפִלוֹת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן נָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס ס׳אִיז גוּט)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
## בית הדפוס ״קרן הדפסה היכל הקודש״ ווערט איבערגעפרישט

גרויסע רענאוואציעס גייט יעצט אן ביים בית הדפוס פון די ״קרן הדפסה היכל הקודש״ אין וויליאמסבורג, פילע פרינטינג מאשינען ווערן ארויסגעפירט, און עס ווערט אריינגעברענגט פרישע גרויסע מאשינען, וועלכע וועלן ארויפברענגען דעם בית הדפוס צו גאר א נייעם שטאפל, צו קענען דרוקן די ספרים שענער און בעסער, שנעלער און שטערקער.

די ברסלב׳ע ספרים און קונטרסים ווערן היינט צוכאפט ביי אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם אויף א ריזיגן פארנעם. די הייליגע ספרים, די ווערטער פון הייליגן רבי׳ן, זענען פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן איינציגן איד אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך, עס געבט הדרכה אין לעבן סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, צו וויסן ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן אז מען זאל מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. דער פארלאנג פאר די ספרים און קונטרסים איז גאר גרויס, און טראץ די שווערע ארבעט וואס מען לייגט אריין צו דרוקן ווי מער, קען מען נאכאלץ נישט נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג. הונדערטער טויזענטער ספרים און קונטרסים זענען שוין געדרוקט געווארן אינעם בית הדפוס, אבער וויפיל מען דרוקט איז קיינמאל נישט גענוג, די מפיצים פארלאנגען אז מען זאל זיך מער צופלייסן און דרוקן נאך פיל מער.

אין די לעצטע שטיק צייט זענען די עסקנים געזעסן מיט פארשטייער פון עטליכע גרויסע קאמפאניס אויף זיצונגען, צו זען ווער פון זיי עס קען צושטעלן די בעסטע פרינטינג מאשינען וואס זאלן קענען נאכקומען די גרויסע פארלאנגען. ביז מען האט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף געשלאסן קאנטראקט מיט א גרויסע פירמע וואס האט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן די בעסטע מאשינען.

דער בית הדפוס האט געמוזט אפשטעלן די ארבעט פאר עטליכע טעג די וואך, אז מ׳זאל קענען אריינברענגען די אלע נייע גרויסע מאשינען, זיי אויפשטעלן און מסדר זיין ווי עס דארף צו זיין. דאס איז אבער געווען נאר א ירידה לצורך עליה, ווייל ווי נאר די מאשינען זענען גרייט געווארן, האט מען ווידער אנגעהויבן צו דרוקן ווייטער ביתר שאת וביתר עז.

ווער עס וויל האבן א חלק און ארויסהעלפן די הייליגע ארבעט, וואס איז מחיה און מחזק אזויפיל אידישע קינדער, קען רופן אויפ׳ן נומער 845-248-1651.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש, צו דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים און קונטרסים, ביז די גאנצע וועלט וועט זיך צוריק קערן צום אייבערשטן במהרה בימינו אמן.

**לקראת צמא התיו מים!**


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ׳ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייזן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**
**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

## הבטחת מוהרא״ש

**מוהרא״ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקודש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן ״אשר בנחל״ און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 /
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו׳ הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן